STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03356

# TSEN LIDER

Reisen, Abraham, 1876-1953.

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# צען
# לידער

פון
## אַברהם רייזען

מוזיק פון
## ליפּא פיינגאָלד

ISBN:0-657-03356-1

PUBLISHED BY LIPA FEINGOLD
39 ROCKAWAY PARKWAY, BROOKLYN, N. Y.

MADE IN U. S. A.

330 SACHS-DAVIDSON, Inc.
187 E. Broadway, N. Y.

# צען
# לידער

פון
אַברהם רייזען

מוזיק פון
ליפּא פיינגאָלד

PUBLISHED BY LIPA FEINGOLD
39 ROCKAWAY PARKWAY, BROOKLYN, N. Y.
Moved to 1424 St. Marks Avenue



אברהם רייזען

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/nybc203356

# דעם אידענ׳ס אוצר

ליפּא פיינגאָלד

•

דאָס אידישע פאָלק האָט
ביי זיך אַזאַ אידען
וואָס מעהר ער וועט שרייבען
מעהר איז מען צופרידען
ער שרייבט זיינע ליעדער
אי גרויסע אי קליינע
און אַלע, זיי זיינען,
קלאָרע און ריינע
געדאַנקען פאַרשידענע
רונדיג און שפּיציג,
מאַנכע גאָר ערנסט,
אַנדערע וויציג
וואָס מעהר ער וועט שרייבען
אַלץ מעהר וועט מען לעזען
דאָס מיין איך דעם גרויסען
דעם ליבען א. רייזען

# אינהאלט


| | Page | |
|---|---|---|
| Boimer | 3 - 2 | בוימער |
| Ich Weis Fun A Nigen | 7 - 6 | איך ווייס פון אַ ניגון |
| Di Naive | 11 - 10 | די נאיווע |
| A Gezind Zalbe Acht | 15 - 14 | אַ געזינד זאַלבע אכט |
| Es Foilt | 19 - 18 | עס פוילט |
| In Wald | 23 - 22 | אין וואַלד |
| Ich Hob Noch In Leben | 27 - 26 | איך האָב נאָך אין לעבען |
| Itzt Far Shtei Ich | 31 - 30 | איצט פערשטעה איך |
| Wilt Zich Noch | 35 - 34 | ווילט זיך נאָך |
| Di Shteren | 39 - 38 | די שטערען |

# בוימער

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפּא פיינגאָלד**

ווינטער זענען הויל די בוימער,
ווי פֿערשטיינערט שטעהען זיי,
און דער קאַלטער פראָסט ער פרעסט זיי
און דער הימעל שיט מיט שניי.

און מיט קאַלטקייט פון אַ דענקער
טראַכטען זיי אין האַרץ דאַביי:
וואָס דער ווינטער איז אַלץ בייזער
וועט אַלץ ליעבער זיין דער מאַי.




IN DER KAL-TER FROST ER PREST ZEI, IN DER HI-MEL SHEET MIT SHNEI,
IN MIT KALT-KEIT FUN A DEIN-KER, TRACH-TEN ZEI IN HARTZ DA-BAI,
WOS DER WIN-TER IZ ALTZ BEI-ZER, WET ALTZ LI-BER ZAIN DER MAI,
WOS DER WIN-TER IZ ALTZ BEI-ZER, WET ALTZ LI-BER ZAIN DER MAI.

# BOIMER

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936



# איך וויים פון א ניגון

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפּא פיינגאָלד**

איך וויים פון אַ ניגון
ער קלינגט אַזוי שיין;
די טענער זיי פליעסען
ווי שטראָם וואַסער ריין.

די טענער זיי פליעסען,
און וואַשען אַראָפּ,
די ליידען פון האַרצען,
די זאָרגען פון קאָפּ.

און גרינג ווערט דער זעעלע,
זי פיהלט ניט קיין לאַסט, —
דער ניגון הייסט ליעבע,
גאָט האָט אים פאַרפאַסט.

איהם זינגען מלאכים
אין הימעלס געצעלט,
איהם זינגען פּאָעטען,
ביי אונז אויף דער וועלט

אָ, מענשען! וואָס זייט איהר
פערזאָרגט און פערקלערט —
צי האָט איר דעם ניגון
קיין מאָל ניט געהערט? . . .


FIELT NIT KEIN LAST, DER NI-GEN HEIST LIE-BE, GOT HOT IM FAR — FAST, IM
ZIN-GEN MAL-O-CHIM IN HI-MELS GET-ZELT, IM ZIN-GEN PO-E-TEN BAI UNZ OIFDER
WELT, OH MEN-CHEN WOS SHTEIT IR FAR ZORGT IN FAR KLERT, TZU HOT DEM NI-GEN KEIN
MOL NIT GE-HERT, OH MEN-CHEN, TZU HOT IR DEM NI-GEN, KEIN MOL NIT GE HERT

# ICH WEIS FUN A NIGEN

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936

# די נאַיווע

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפּא פיינגאָלד**

ווי קלוג איז מיין ליעבסטער,
פיעל זאַכען ער ווייס,
דערצו איז זיין קוש,
אַזוי ברענענדיג, הייס ;

איך וואָלט ניט געוואָלט,
נאָר ער האָט מיר דערקלערט :
א מלאך אין הימעל
פון יעדער קוש ווערט.

מיר זענען אין גארטען
געזעסען גאָר לאַנג,
פערדעקט צווישען צווייגען
ביינאַכט — אויף אַ באַנק.

ס'איז שוין שפּעט געוואָרען,
אַרום אַזוי שטיל — — — —
אוי, מוז היינט אין הימעל
מלאכים זיין פיעל . . .


JE — DER KUSH WERT, MIR ZAI — NEN IN GOR-TEN GE — ZE-SEN GOR
LANG, FAR — DEKT TZWI-SHEN TZWAI-GEN BAI — NACHT OIF A
BANK, S'IZ SHPET SHOIN GE — WO — REN A — RUM A-ZOI SHTIL, OI
MUZ HAINT IN HI — MEL, MAL — O — CHIM ZAIN FIL.

# DI NAIVE

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936





# אַ געזינד זאַלבע אכט

ווערטער פון
אברהם רייזען

מוזיק פון
ליפּא פיינגאָלד

אַ געזינד זאַלבע אַכט,
און בעטען נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפען דאַן זיי?

דריי מיט'ן טאַטען
און דריי מיט דער מאַמען
הענט'ליך און פיסליך,
געפלאָכטען צוזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מען דאַרף זיך אויסבעטען,
דאַן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטען.

זי מיינט מיט אַנ'אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויך ענג איז אין קבר,
דאָך ליגט מען בעזונדער...


DRAI MIT DER MA-MEN, HENT-LICH IN FIS-LECH,GEF-LOCH-TEN TZU-ZA-MEN, IN KUMT UN DI
NACHT,MEN DARF ZICH OIS-BE-TEN, DAN HOIBT ON DI MU-TER, DEM TOIT OIF ZICH BE-TEN,ZI
MEINT MIT EIN E-MES, ES IS NIT KAIN WUN-DER, OICH EING IS IN KEI-WER, DOCH
LIGT MEN BA-ZUN-DER,OICH EING IZ IN KEI-VER, DOCH LIGT MEN, BA-ZUN-DER.

# A GEZIND ZALBE ACHT

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*

INTRO




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936

# עס פוילט

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפּא פיינגאָלד**

דראָבנע טראָפּען גיעסט דער רעגען
לאַנגע שטונדען נאָכאַנאַנד;
מיט דעם קוישעל עפּעל, באַרנעס
זיצט די אָרימע ביי דער וואַנד.

זי באַטראַכט מיט אַנגסט און שרעקען
איהר פערמעגען און איהר גרוילט,
און מיט ציטערדיגע ליפּען
קלאָגט זי שטיל: עס פוילט, עס פוילט!

יעדער קונה, טראַכט די אָרימע,
טאַפּט די פרי, פּרעסט און דריקט
און דערצו נאָך האָט די רעגענס
אזוי פריה גאָט אָנגעשיקט.

אַלע דריקען, אַלע פּרעסען;
גאָט און מענשען — ווי דאָס גרוילט!
און צוזאַמען מיט איהר סחורה
זיצט די אָרימע און פוילט...


DI-GE-LI-PEN KLOGT ZI SHTIL ES FOILT, ES FOILT, JE-DER KOI-NE TRACHT DI O-RE-ME
TAPT DI PEI-RE PREST IN DRIKT, UN DER TZU NOCH HOT DI REI-GENS,
A ZOI FRI, GOT ON GE-SHIKT, A-LE DRI-KEN, A-LE PRE-SEN, GOT IN MEN-CHEN
WI, DOS, GROILT, IN TZU-ZA-MEN MIT IR S'CHOI-RE, ZITZT DI- O-RE — ME, IN FOILT,
rit.

# ES FOILT

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936

# אין וואלד

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפא פיינגאָלד**

קום אין וואַלד, מיין ליעבער פריינד
וואו עס סוד׳ען זיך די בלעטער ;
וואו עס אָטהעמט פריי די ברוסט,
וואו דערקוויקענד איז דער וועטער.

קום מיין פריינד ! פון שטאָדט אַנטלויף,
פון גערידער, פון געטימעל ;
דאָרט אין וואַלד איז גרין די ערד,
גרין די ערד, און בלאָה דער הימעל.

קום אין וואַלד, מיין אָרימער פריינד,
וועסט פערגעסען אַנגסט און ליידען ;
הערען וועסטו דאָרט קיין פאַלש :
נאָר פון גאָט די פייגעל רעדען.

קום מיין פריינד ! דו ביסט דאָך קראַנק ;
מענשען האָבען דיך דער־עסען;
דאָרטען וועסט דו זיי ניט זעהן
און דו וועסט דיין וועה פערגעסען !


GREEN DI ERD, GREEN DI ERD IN BLO DER / HI-MEL, KUM IN WALD MAIN ORE-MER FRAIND
WEST FAR-GE-SEN ANGST IN LEI DEN, HE-REN WES-TU DORT KAIN FALSH,
NOR FUN GOT DI FOI-GEL REI-DEN, KUM MAIN FRAIND DU BIST DOCH KRANK, MEN-CHEN HOBEN
DICHDER-E-SEN, DOR-TEN WES-TU ZEI NIT ZEIN, UN DU WEST DAIN WEI-FAR-GE-SEN.

# IN WALD

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*

INTRO




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936

# איך האָב נאָך אין לעבּען

װערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפא פײנגאָלד**

איך האָב נאָך אין לעבען
פיעל אַרבייט, פיעל פליכטען:
דאָ דאַרף איך בעפוצען,
דאָרט דאַרף איך פעררױכטען.

דאָ דאַרף איך צעברעכען
און דאָרט עפּעס בויען, —
איך קען ניט אַ צװייטען
די אַרבייט פאַרטרויען.

און יאָהרען זיי לויפען
ווי רוישענדעס וואַסער,
די כחות — זיי שווינדען,
דאָס פנים ווערט בלאַסער.

און יאָהרען זיי פליהען,
ווי ס'וואָלט זיי ווער טרייבען:
די אַרבייט, די פליכטען —
זיי בלייבען, זיי בלייבען...


JO-REN ZEI LOI-FEN WI ROI-SHEN-DES WA-SER, DI KOI-CHES ZEI SHWIN-DEN DOS
PO-NIM WERT BLA-SER. — IN JO-REN ZEI FLI-EN WI S'WOLT ZEI
WER TRAI-BEN, DI AR-BAIT DI FLICH-TEN, ZEI BLAI-BEN ZEI BLAI-BEN ZEI
BLAI-BEN DI AR-BAIT, DI FLICH-TEN, ZEI BLAI-BEN, ZEI BLAI-BEN.

# ICH HOB NOCH IN LEBEN

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936

# איצט פערשטעה איך...

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפּא פיינגאָלד**

איצט פערשטעה איך, וואָס די פייגעל
זינגען אַזוי לוסטיג פרעהליך:
אין דעם גרויסען וואַלד דעם גרינעם
לעבט זיך יעדער ווי אַ מלך.

יעדעס גרעזעל, יעדעס בלימעל
איז פאַר אַלע פריי און אָפען
און די וואָהנונגען בחנם —
אַלע האָבען וואו צו שלאָפען...

איצט פערשטעה איך, וואָס די פייגעל
זינגען, קלינגען ליעב און ליעבער:
אַך, זיי זינגען, וואָס זיי ווילען,
קיינער, קיינער האַקט נישט איבער...


IZ FAR A—LE FRAI IN O—FEN, IN DI WO—NUN—GEN BE—CHI—NOM,
A—LE HO—BEN WU TZU SHLO—FEN, ITZT FAR SHTEI ICH WOS DI FOI—GEL
ZIN — GEN KLIN — GEN LIB UN LI — BER. ACH ZEI ZIN — GEN
WOS ZEI WI — LEN, KEI — NER KEI — NER HAKT NIT I — BER

# ITZT FAR SHTEI ICH

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936





# ווילט זיך נאָך

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפא פיינגאָלד**

ווילט זיך נאָך אַ שטיף טהון
גרינג און פריי און ברייט,
אַז דאָס הארץ דאָס מיעדע
ווערען זאָל דערפרעהט.

ווילט זיך נאָך אַ פאַל טהון
צו דעם לעבענס ברוסט
און זיין גליק אויסזויגען
מיט דער לעצטער לוסט...

ווילט זיך נאָך אַ הויב טהון
ווייט און הויך די הענד
און אַריבער שפּרינגען
צוימען, מויערס, ווענד...

ווילט זיך נאָך דערגרייכען
פון אַ באַרג זיין שפּיץ
און דערנאָך — פערשווינדען,
ווי עס שווינדט אַ בליץ...


WILT ZICH NOCH A HOIBTON, WAIT IN HOICH DI HENT, IN A-RI-BER SHPRIN-GEN, T-Z-O-I-MEN
MOI-ERS WENT, IN A-RI-BER SHPRIN-GEN, T-Z-O-I-MEN MOI - ERS WENT, WILT ZICH NOCH DER
GREI-CHEN, FUN A BARG ZAIN SHPITZ, UN DER NOCH FAR SHWUN-DEN, WI ES SHWINT A
BLITZ, UN DER NOCH FAR SHWUN-DEN, WI ES SHWINT A BLITZ.

# WILT ZICH NOCH

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936





# די שטערען

ווערטער פון
**אברהם רייזען**

מוזיק פון
**ליפא פיינגאָלד**

איך קוק אויפ'ן הימעל ביי נאַכט
מיט טויזענדער פראַגען און בליק;
די שטערענדליך פינקלען און לאַכען,
און ענטפערען אָפּ מיר צוריק:

וואָס פאָרשסטו, דו נאַרישער מענש?
וואָס איז אַזוי שווער צו פערשטעהן!
מיר האָבען געלויכטען אַזוי
נאָך איידער דו ביזט דאָ געווען

און ביזטו געקומען, איז וואָס?
מיר לייכטען וואָס מאַכט עס אונז אויס!
מיר ווייסען דיין לעבען איז קורץ —
עס לעשט, ווי אַ ליכטעל זיך אויס!

און אַז דו ועסט שטאַרבען, אויך דאַן
מיר וועלען אַלץ לייכטען ווי פריהער,
און לייכטען אַלץ רוהיג און קאַלט
און גאָר נישט געדענקען אָן דיר.


FORSH–TU DU NA — RI–SHER MENCH, WOS IZ A—ZOI SHWER TZU FAR
AZ DU WEST SHTAR-BEN OICH DAN, MIR WE–LEN ALS LAICH–TEN WI
SHTEIN, MIR HO—BEN GE—LOICH—TEN A — ZOI, NOCH
FRIR, IN LAICH–TEN ALS RU —HIG IN KALT, IN
EI — DER DU BIZT DO GE — WEN, MIR HO—BEN GE—LOICH —TEN A
GOR NIT GE—DEIN–KEN ON DIR, IN LAICH–TEN ALS RU —HIG IN
ZOI, NOCH EI — DER DU BIZT DO GE — WEN.
KALT, IN GOR NIT GE—DEIN–KEN ON DIR.

# DI SHTERN

Words by
ABRAHAM REISEN

Music by
LIPA FEINGOLD
*Piano Arr. by M. WOLF*




COPYRIGHT BY ABRAHAM REISEN & LIPA FEINGOLD, 1936



